בס"ד

NAFTALI SCHNITZLER PRESENTS:

# תשע"ח

מאטי אילאוויטש | MOTTY ILOWITZ

## ת׳ודה! ש׳עצנדיג
## ע׳נקער ח׳כמה

וועלוול שמעלצער
יחזקאל שטיין
ברוך יודא האלצלער
הערשי וויינבערגער
שלמה זלמן וועכטער
יואל פריינד
ישעי׳ ברוין
שלמה ברוין

---

## ת׳ודה! ש׳ותפים
## ע׳קספערטן ח׳ברים

צו אלע מיינע קאלעגעס **בעולם הבדחנות. צו אלע זינגערס, קאפעליעס, שרייבערס, קאמפאזיטערס און מוזיקאנטן** איבערהויפט די אלע וואס ארבעטן מיט מיר אזוי געטריי אין די שפעטע נאכט שעה׳ן.

---

## ת׳ודה! ש׳ניצלער
## ע׳מקות׳דיגע ח׳ושים

נפתלי ׳משה׳, דיין ׳גדלות׳ אין נגינה און דיין שכל הישר שיינט ארויס מכל האדם אשר על פני האדמה!
אן דיר וואלט גארנישט געווען!

# א דאנק

פאר אלע קויפערס, פאר אלע צוהערער און חיזוק געבער, און מער ווי אלעס, אלע חיזוק נעמער!

דאס איז נישט מער ווי א פליכט צו טון דעם רצון הבורא וואס שענקט טאלאנט נאר כדי אז מען זאל דערמיט מהנה זיין אידישע קינדער און מאכן א כבוד שמים. ווי עס שטייט אין ספר חסידים סי׳ תק״ל ״וכל מי שגילה לו הקב״ה דבר ואינו כותבו ויכול לכתוב הרי זה גוזל מי שגילה לו, כי לא גילו לו, אלא לכתוב, ועתיד ליתן את הדין על זה.

קיין גזלן וויל איך,
און קיינער, נישט זיין...!

אנערקענענדיג וויפיל די ׳מחשבות׳ האבן אויפגעטון און אינספירירט אידן די בכל אתר, האט זיך דער חיוב געשפירט נאך פיל שטערקער. און מיין איינציגע בקשה צו ענק איז: טרעף דיין חיזוק, דיין אינספיראציע, דיין השפעה. און טרעף ׳דיין׳ טאלאנט שגילה ׳לך׳ הקב״ה.

---

## מיט א ת׳פילה
## ש׳ימלא ח׳ובת ע׳ולמי

**מאטי**

# CREDITS:

Produced By
**Naftali Schnitzler**

All Songs Written
& Composed By
**Motty Ilowitz**

Mixed by:
**Schnitzler Studios**

Mastered by
**Ilya Lishinsky at**
**Artsonic Studios**

## Musicians

Keys:
**Naftali Schnitzler**
**Shlome Wechter**
**Shlome Braun**

Drums: **Avi Avidani**

Guitar: **Nachmen Drayer**

Saxophone/Flute: **Avrumi Basch**

Clarinet: **Avrumi Balty**

Brass: **Dani Flam and Co.**

## Choir:

**Chaveirim Choir - Israel**
**By Israel Orbach**

Kids Choir
**Arranged: And Recorded By**
**Yossi Glick Shavach Studios**
**New Square N.Y**

Record Vocals
**By Schnitzler Studios**

**Brooklyn N.Y**

**פתלי פרלוב**
ארץ ישראל

Special Thanks to
**Sruly Meyer - Design by Sruly**

Cover Design:
**Dart Design - 845.782.6558**

## Special Thanks to the Nigun Team:

**Shimon Weinberger,**
**Moishy Ashlag**
**Mrs. Chana Avni**

תודה מיוחדת לאיציק
גרינבוים מניגון- ישראל. איציק, אין עליך!

# 1 והאיש משה

(מובא מהרה"ק הרש"ב מליובאוויטש זי"ע 'בספר המאמרים' (שנת תרע"ט, עמוד תרעח) וז"ל.
משה ראה ספרו של אדם הראשון וראה שיהיה דור בעקבות משיחא שלא יהיה בהם השגה אלוקית, והיינו שההשגה שלהם אינה נחשבת להשגה כלל, ובפרט לגבי השגת משה שאינה נחשבת למאומה, וגם שלא תהיה להם עבודה אמיתית במוח ולב, רק יהיה קיום המצות בפועל ממש [היינו שיעשו המצוות בגופם, אבל בלא כוונה במח ולב], ואף גם זה יעלה להם במסירות נפש, שיהיו כמה מניעות ועיכובים בגוף ונפש בריבוי העלמות והסתרים, ויעמדו נגד כל מונע ויקיימו המצות במסירות נפש, היה (משה) בתכלית השפלות בעצמו מפני היתרון הזה, שהם גדולים הרבה ממנו.

פירוש כי כאשר ראה דור עקבתא דמשיחא המלופפים בצרות וייסורים ואפופים בחשכות ובהסתרות, ואעפ"כ יתגברו שוב ושוב ויתחזקו באמונה, מבלי להתייאש, אז השפיל משה את דעתו, כי ידע שהם גדולים יותר ממנו, והדברים נפלאים.
(בוודאי שאין לנו שמץ השגה בקצה גדלותו של משה, ואלמלא נכתב אי אפשר לאומרו, אך יש ללמוד מן הדברים מעלת הורנו העומדים באמונתם על אף הנסיונות העוברים עליהם)



והאיש משה עניו מאוד
דער עמוד התורה, דער עמוד,
משה אליין - האלט זיך קליין
קלענער ווי מכל האדם.

כאטש די תורה ער איז דער וואס גיט
מיטן בורא ער איז דער וואס רעדט,
דאך, משה אליין - האלט זיך קליין
קלענער ווי מכל האדם.

משה ווייסט גאנץ גוט זיין חשיבות
נו וואס איז פשט פון אזא עניוות,
נאר משה באטראכט זיך
א חשבון ער מאכט זיך
ס'נישט קיין קונץ אלע מיינע ראמען.

איך זעה דעם בורא פנים אל פנים
קוק אבער אויף מיינע בני בנים,
די דורות העתידות - פארלוירן יעדע איד-איז
אוי ווי שווער ס'וועט זיין צו זיין א מאמין.

"איך זעה דעם דור דעם לעצט
צובראכן און צוזעצט
א טונקלקייט, ממש ס'איז געפערליך,
תאוות און צרות
קשיות און הסתרות
ס'קאסט זיי בלוט זיך צו האלטן ערליך.

תשע"ח
איך שטוין מיט אינטערעס
דער אידעלע בלייבט אזוי געטריי,
דערפאר זאגט משה נאר
איך, גדול הדור
איך שפיר מיך קלענער קעגן זיי".

מ'איז צוגעוואוינט אונז אוועקצומאכן
אז מיר לעבן יעצט אין א דור א שוואכן,
היינט כלל ישראל
איז שוין נישט ווי אמאל
אונזער דור איז ממש דאס ערגסטע.

איך טראכט צו מיר אויב איז דאס אמת
גאר אלס קאמפלימענט איך נעם-עס,
ווייל ווי שוואכער און שווער
פאדערט כוחות סאך מער
קומט אויס אז אונזער דור איז
גאר די שטערקסטע!

משה קוקט אונז אן און קען נישט גלייבן
ווי נעמען ענק די כוחות צו דערהייבן,
איך זע ווי דו צופאלסט-דאך
איך שטוין ווי שטארק דו האלטסט-דיך
בעיקבתא דמשיח.

הפקרות ברענט און שלעפט פון יעדן זייט
אזאנס וואס איך האב קיינמאל נישט געהאט,
די מסירות נפש דיינע
קומט נישט צו צו מיינע
איך שפיר זיך בשפלות קעגן דיך.

"איך זעה דעם דור דעם לעצט
צובראכן און צוזעצט
א חשכות, אן הסתר אזא קאלטן,
תאוות און צרות
קשיות און הסתרות
איך פארשטיי נישט ווי איז
מעגליך זיך צו האלטן.

תשע"ח
פון בורא נישט פארגעס
גם כי אלך בגיא,

דערפאר זאגט משה נאר
איך, גדול הדור
איך שפיר מיך קלענער קעגן זיי".

יעדע מאל ביסט דיך מתגבר, און דו האלסט
דיך ערליך - האלט זיך משה קליין.
יעדעס מאל דו לויפסט אין שול א תפילה
טאן מיט טרערלעך - האלט זיך משה קליין.
פארלירסט נישט דיין אמונה, כאטש ס'איז
אזוי שווערליך - האלט זיך משה קליין.
יעדעס מאל דו קאנטראלירסט
די טעכנעלאגישע שטער'עלעך
- האלט זיך משה קליין.

יעדע קליינטשיגע מצוה איז א דבר
חשובה - און האלט זיך משה קליין.
יעדעס מאל מ'איז מחנך נאך א בחור
אין ישיבה - האלט זיך משה קליין.
פאלסט אמאל אדורך אבער לעבצסט
נאך תשובה - האלט זיך משה קליין.
יעדעס מאל עס צושפרייט זיך נאך א
אידישע סביבה - האלט זיך משה קליין.

"תשע"ח
יא ס'איז א נס
כאטש אונז זע'מיר קלענער פון די קלענסטע,
נסיונות און צרות
קשיות און הסתרות
שיינען מיר ארויס אלס די שענסטע.

און כאטש עס איז אונז שווער
שטארקן מיר זיך מער
לעשות רצונך אלקי,
דערפאר זאגט משה נאר
איך, גדול הדור
עניו מאוד מכל האדם אשר על פני".
(במדבר, י"ב, ג)

# 2 די רייע

זיין הארץ איז פיל מיט זארג
גייענדיג נאך געלט
געקלאפט שוין איבער גאנץ ניו יארק
און כמעט נאך גארנישט צאמגעשטעלט.
דאס הארץ פלאגט-אים
זיין חבר זאגט-אים
פאר צום טאהש רבין'ס הויז.
בעטן ער זאל-פון-אים
ווייל א געהאלפענעם
גייט פון דארט א יעדער ארויס.

דער משולח אלט בראשו חש
געהאלפן ווערן אבער ער וויל
ער כאפט א וועג און קומט אן קיין טאהש
אין רבין'ס צימער איז שא שטיל.
יעצט איז נאך שטיל-דא
באלד ווערט פיל-דא
א פשוטער פלאן אים באהערשט.
איך גיי מיך נישט רירן
מיין פלאץ נישט פארלירן
אזוי ארייגנגיין וועל איך דער ערשט.

עס לויפט די צייט, אין שטוב ווערט פיל
ענדליך דער רבי זיין טיר מאכט אויף,
דער איד אין צימער ארייגנגיין ער וויל
דער רבי באטראכט אים אראפ און ארויף.

דאס הארץ רייסט-אים

ווען די רבי ווייזט-אים
אונטער דיר שטייט א אינגערמאן
זיי מוחל ווארט נאר צו און לאז אים
ערשט אריין.

ער דרייט זיך אויס מיט שעם
א אינגערמאן'טשיק רייך געשטעלט,
פארוואס דארף איך מיך ריקן פאר אים
ווייל איך בין ארעם און ער האט געלט.

ער קען עס נישט גלייבן
ער קען עס נישט דערהייבן
נישט גענוג בושות אין ניו יארק אליין
זעט אויס אז אויכעט אין קאנאדע דארף
איך דורכגיין.

...

אפאר מינוט אדורך גייט
דער טיר ווערט צוריק אן אפענעם,
דעם אינגען נגיד דער רבי באגלייט
און רופט אריין דעם משולח דעם
געטראפענעם.
ער וויל אים ערקלערן
ער זאל הערן
די סיבה דערפאר,
דער איד אבער ווייעדיגט
פארשעמט און באליידיגט
נעמט זיך שרייען פון גרויס צער.

איך ווארט אזוי לאנג צו קומען אריין
דער ערשטער אין רייע האב איך זיך
געשטעלט,
כ'בין אן עלטערער איד און ער א אינגערמאן
איך האב געמיינט אז אין טאהש ווערט מען
נישט פארלוירן פאר געלט.

דער רבי שטיל בלייבט-ער
א ריזן סכום שרייבט-ער
אין א טשעק'ל וואס ליגט דארטן
ליידיגערהייט
און שטרעקט עס אהין פאר דעם איד וואס
שרייט.

איך האב פארשטאנען פארוואס
דו ביסט געקומען
גלייך ווען איך האב דיר געזען ביים טיר,
און דיר צו קענען געבן לייטישען סכום'ען
האב איך געמוזט אריינלאזן קודם דעם גביר.

א ליידיגן טשעק
ער גיט מיר אוועק
ר' איד דיין ישועה דא דו האסט
גאר מיט דעם, וואס איך האב אים, קודם
אריינגעלאזט.

...

שטייט דער בחור און קלעמט
וואס איז דער חשבון געגוי,
דעם יונגן בחור'ל מען נעמט
און מיך לאזט מען אויס צו ווערן גרוי.
א צווייטער א באשטראפטער
פון חובות קוים שלאפט-ער
מיין שכן אבער לעבט באקוועם,
ווען ברך עלינו
ונא אל תצריכינו
איך בעט עס שוין 20 יאר מער פון אים.

א מאמע זי וויינט ביי אירע לעכט
באשעפער געגוג נשמות דו האסט,
דו טיילסט פאר יעדן, פרעגט זי מיט רעכט
פארוואס האסט אונז אויסגעלאזט.

ביי א צווייטן זיין קינד
אזוי נישט געזונט
באשעפער איך ווארט שוין א לאנגע צייט,
אנדערע היילסטו
פאר יעדן טיילסטו
פארוואס מיך הייסטו גיין אין א זייט.

מיין קינד איך זעה דיין פיין
איך וויין מיט דיר בכל צער וצער,
און גלייב מיר איך לאז נישט קיינעם אריין
ערשט, קודם, אדער ביפאר.

מיין קינד דו פארשטייסט-נישט
ביסט אינדרויסן, דו ווייסט-נישט
ווי אזוי עס פירט זיך דא ביי מיר
אז אלעס איז אויסגערעכענט, נאר פאר דיר.

איך ווייס דו ווילסט פארשטיין דעם פשט
דער אידעלע מיט טרערן מאנט-ער,
הלוואי, מיין קינד, קענסטו זעהן ווי ווייט
די שטיפ אוועק ברענגט דיך נאנטער.

ס'קען זיין אז איינמאל
און אפשר גאר קיינמאל
וועסטו דאס איינזען אליין
אז פונקטליך אזוי האט עס געמוזט זיין
און אלעס איז נאר פאר די טובה 'דיין'.

(שמעתי מהג"ר אלימלך בידרמאן שליט"א)



# 3

# איטיב

**אלהי אבי אברהם, אלהי אבי יצחק, יהוה האמר אלי,**
**מיין טייער ליבער קינד, ואטיבה עמך. (בראשית לב י)**

**ואתה אמרת (און דו האסט אונז געזאגט)**
**היטב איטיב עמך. (בראשית לב יג)**

**היטב בזכותך איטיב בזכות אבותיך (רש"י)**





# 4 א׳ ב׳

**א**יך ווייס איך בין שוואך
**ב**עט איך איין זאך
**ג**ענאדיג מיין געבעט וואס איך -
**ד**אווען אויף מיין פשוטע שפראך.

**ה**אפענונג איך שפיר
**ו**ועסט עס נעמען פון מיר
**ז**עהן אז עס ליגט דערין מיין -
**ח**שק וואס ציט צו דיר.

**ט**ויזענטער יארן, דאך קיינמאל
פארלארן, דעם א׳ ב׳
**י**ודישע קינדער די ערשטע זאך
וואס מ׳לערנט מיט זיי,
**כ**בוד געבן, מיין גאנצן לעבן,
וועל איך דעם א׳ ב׳
א׳, ב׳, ג׳, ד׳, ה׳...

**"א, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, כ.**
**ל, מ, נ, ס, ע, פ, צ, ק, ר, ש, ת."**

**ל**יבט און געדענקט
**מ**יט געפילן ער בענקט
**נ**עמט ארויס און מישט אויף זיין -
**ס**ידור און א טרער עס ברענגט.

**ע**ברי איז שווער
**פ**ארגעסן האט ער
**צ**עוויינט זיך דארט ווי א קליין
**ק**ינד, און שרייט מיט טרער.

**ר**בון העולמים, איך ווי א תמים, קען נאר א׳ ב׳
**ש**טעל צוזאם די אותיות און
מאך ווערטער פון זיי,
**ת**פילות ריינע, דורך מיינע, פשוטע א׳ ב׳
ל, מ, נ, ס, ע, פ....

**"א, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, כ.**
**ל, מ, נ, ס, ע, פ, צ, ק, ר, ש, ת."**

**א**ונטער **ב**לוטיגע **ג**לות׳ן, **ד**ורך
**ה**עסליכע **ו**ואנדאליזם, **ז**עליגע **ח**רבנות
**ט**ינקלען **י**ודן׳ס **כ**אראקטער.
**ל**ערנען **מ**למדים **נ**קודות, **ס**ופרים
**ע**רצייגן **פ**ארמעט, **צ**ייכענען
**ק**דושה׳דיגע **ר**יין **ש**פראכיגע **ת**וכן.

**א**׳ותיות
**ב**׳דחנות
**ג**׳מרות
**ד**׳רשות
**ה**׳לכות
**ו**׳ידוי׳ס
**ז**׳מירות
**ח**׳ומשים
**ט**׳ייטשען
**י**׳וצרות
**כ**׳תבים

**ל**׳וחות׳לעך
**מ**׳שניות
**נ**׳יגונים
**ס**׳ידורים
**ע**׳יסקאות
**פ**׳ירושים
**צ**׳וואות
**ק**׳ול קורא׳ס
**ר**׳עיונות
**ש**׳אלות
**ת**׳שובות

קמץ, פתח, צירה, סגול, חולם, שווא,
חירוק, שורוק, און מלאפום.

# 5
# בערל

ער וויל זיין א גוטער מאן
ער זאגן דעם ווייב איך האב א פלאן
איך ווייס ס'איז ערב שבת און דו האסט נאך
אזויפיל וואס צו טון,
ארויס העלפן דיר איך גיי
איך וועל גיין אין גראסעריי
און איך וועל אויכעט מיטנעמען אונזער פינף
יעריג זון.

ווי נאר ער זעצט זיך אריין אין קאר
הייבט זיך אן די פיין און צער
דאס קינד שרייט איך וויל נישט גיין נאר אויב
מאמי קומט,
ער זעצט זיך אראפ, ער שטעלט זיך אויף
די פענסטער אראפ, די פענסטער ארויף
איך דארף צועסן, צינד אן מוזיק, דורכאויס
דעם גאנצען וועג ער ברומט.

דער טאטע טוט די ליפן קייען
דער טאטע וויל זיך נעמען שרייען
מיין טייער קינד וואס גיבסטו אזא
איבערקער'ל,
צום קינד ער גיט זיך א דריי ארום
און שטילערהייט גיט ער א ברום
"איך בעט דיך, האלט דיך רואיג, בערל".

...

ענדליך אין געשעפט מען שטייט
ס'איז ערב שבת איבערגעדרייט
שעפעלע כאפ אן מיין האנט דו זאלסט דיך
נישט פארלירן,
דאס אינגל אבער ווי א קעגנער
נעמט זיך לויפן צו די וועגענער
טאטי לאמיר נעמען א וואגן און איך וויל עס
פירן....

נאך איידער דער טאטע א ווארט ער גיבט
דאס קינד א וואגן ער שטיפט און שלעפט
זעצט אריין אין קונים, יעדער שרייט 'קוק ווי
דו גייסט',
עס הייבן אן פליען זאכן
זעקלעך טראסקען, פלעשלעך קראכן
און דער טאטע קען קוים ווארטן צו ווערן
אויסגעלייזט.

דער טאטע טוט די ליפן קייען
דער טאטע וויל זיך נעמען שרייען
מיין טייער קינד וואס מאכסטו מיר דאס לעבן
אזוי שווער'ל,
צום קינד ער גיט זיך א דריי ארום
און שטילערהייט גיט ער א ברום
"אוי, איך בעט דיך, האלט דיך רואיג, בערל".

...

ביים באצאלן אט מען האלט
פלוצלינג אודך א געוואלד
דאס קינד ער באמערקט די אפטיילונג פון די
ממתקים,
מיט קולות גיט ער א שריי
מ'דארף נאך קויפן נאשעריי
דער טאטע פראבירט אים בארואיגן מיט
דברים רכים.

דאס קינד ווארפט זיך אויף דער ערד
דאס געשעפט ווערט איבערגעקערט
אפילו די בעל הבית אליין קומט אהין צו
לויפן,
דער טאטע גיט זיך א קוק ארום
צענדליגע אויגן פון אומעטום
און טראכט צו זיך, איך מיין אז איך, קען שוין
נישט מער דא קומען קויפן.

דער טאטע טוט די ליפן קייען
דער טאטע וויל זיך נעמען שרייען
מיין טייער קינד איך בעט דיך מיט א טרער׳ל.
צום קינד ער גיט זיך א דריי ארום
און אונטער די ציין גיט ער א ברום
"נוו, איך בעט דיך, האלט דיך רואיג, בערל".

...

ער האלט שוין אויפן וועג ארויס
שפירט א קלאפ ער דרייט זיך אויס
א פרעמדער מענטש זאגט אים, ר׳ איד איך
שטוין מיט וווינדער,
איך האב מיטגעהאלטן און געזען

אלעס וואס דא איז געשען
זאגטס מיר ווי נעמט מען אזא געדולד
צו די קינדער.

דעם קלארן אמת איך זאג דיר באלד
איך וואלט מיך נישט איינגעהאלט
בלויז אייך באטראכטן, ביי מיר אין קאפ
ארויף די בלוט-איז.
איר בייגט זיך צו אזוי כנהוג
'בערל האלט דיך רואיג'
ר׳ איד איך מוז אייך זאגן, איך ווייס נישט ווי
אזוי איר טוט-עס.

דער טאטע טוט די ליפן קייען
און א שמייכעלע טוט זיך באנייען
ניין מיין פריינט לאמיר דיך געבן א
ערקלער׳ל,
צום קינד ער גיט זיך א דריי ארום
און שטילערהייט גיט ער א ברום
"מיין קינד הייסט חיים, 'איך' הייס בערל!"



# 6 כשה אובד



**תעיתי כשה אובד בקש עבדך.** (תהלים קי"ט, פסוק קע"ו)

**בנוהג שבעולם כבש שהוא אובד מן הצאן, מי מבקש את מי.**
**הכבש את הרועה? לא, הרועה מבקש את הכבש.**

**כך רבש"ע בקש אותנו ככבש הזה.**

(מדרש)

איך בלאנ'דזשע ווי א פארלוירענע שעפעלע, זוך מיך אויף.

וויאזוי פירט זיך די וועלט, א שעפעלע וואס ווערט פארלוירן, ווער זוכט וועמען?
צו דען דאס שעפעלע זוכט זיין פאסטוך? ניין, דער פאסטוך'ל זוכט זיין שעפעלע.

די זעלבע זאך רבוש"ע, זוך מיך/אונז אויף ווי די פארלוירענע שעפעלע.

# 7 שכר לימוד

א שווערע תקופה -
מ'מאכט אן אסיפה
די הנהלה קומט זיך צוזאם -
געווען איז א שווערע יאר
חובות נישט סתם.

דעם יאר איז מען גומר -
מ'קען נישט אזוי-מער,
אנגיין, ס'האט נישט קיין טעם -
מען דארף עפעס טון איידער
די חדר פאלט צאם.

אויף הויכע טענער -
יעדער האט פלענער,
א דינער, א ראפעל, אן אפיעל -
דער מנהל גיט א זעץ אויפן
טיש און מאכט יעדן שטיל.

מודה זיין זאלט עטס -
אז קיינמאל וואלט-עטס,
חובות געהאט אזויפיל -
ווען יעדע טאטע באצאלט
ווען זיין שכר לימוד ביל.

דא שטעקט די גאנצע פראבלעם -
איך ווייס אז ס'נישט אנגענעם,
גיין שטרענג מיט די עלטערן און
זיין מיט זיי אפן און שארף.
גענוג געווען ביז אהער -
ס'גייט אונז נישט אן וואס און ווער,
פון היינט און ווייטער ערליך
באצאלן מען דארף.

און ביז די ענדע פון יאר -
מוז יעדן'ס באלאנס זיין קלאר,
אלס וואס מען איז שולדיג פון
פריער באצאלטס ביזן לעצטן דיים,
און אויב בלייבט א חשבון
אין בוך - זיי מוחל און זוך,
אן אנדערע מוסד, אדער לאז
דיין קינד אינדערהיים.

**"מיט א קרעכץ זאגט דער**
**מנהל, איך ווייס ס'דא עלטערן**
**וואס קענען-נישט,**
**מצבים גאר שווער און**
**ביכולות זיי זענען-נישט.**
**אבער מיר זענען אין**
**דעם צוזאמען -**
**מען קען נישט מאכן אויסנאמען**
**ווייל אויב יא צופאלט די**
**גאנצע תקנה לכאורה.**

**ס'רייסט ביים הארץ, הלאוי**
**איז דא א גרינגערע גזירה,**
**אבער לויט ווי ס'קוקט אויס**
**איז דאס די איינציגע ברירה,**
**יעדער מוז זיך צושטעלן -**
**און נאר אזוי מיר וועלן**
**שיצן דעם עתיד פון**
**אונזער תלמוד תורה."**

...

הערצער ערוועקט-זיך -

דער עולם דערשרעקט זיך,
די סכומים פליסן אריין -
אן פאר די קינדער א מוסד
ווער וויל דען זיין?

א יאר א פרישערע -
מען האלט שוין נאך תשרי,
דעם ערשטן טאג פונעם זמן -
די מוסד צוריק אויף די
פיס, ס'פארט ווי א באן.

דער מנהל קוקט די ביכער
- ער וויל מאכן זיכער,
די תקנה פירט מען אויס -
יעד'ן'ס חוב איז באצאלט
חוץ יצחק'ל גרויז.

דער מנהל ווערט דערביטערט -
דאס הארץ ווערט פארפוטערט,
נישטא דארט קיין
טאטע אין הויז -
אוי ווי נעם איך א יתום
און ווארף אים ארויס.

ער דרייט זיך אהער און אהין -
געוואלד וואס זאל איך טון,
וואס איז דאס קינד נעבעך
שולדיג, ארחמנו רחם,
און מיט די מאמע.
מיטלייד איך האב -
זי האט נעבעך גענוג אויפן קאפ
און יעצט דארף זי הערן, זיי
מוחל, נעם אים אהיים?!

אוי אוי אוי...

**"מיט א קרעכץ זאגט דער מנהל, איך ווייס ס'דא עלטערן וואס קענען-נישט, מצבים גאר שווער און ביכולות זיי זענען-נישט, אבער מיר זענען אין דעם צוזאמען - איך קען נישט אויסלאזן דעם מאמע'ן ווייל אויב יא צופאלט די גאנצע תקנה לכאורה.**

**ס'רייסט ביים הארץ, מיין געוויסן אזוי פארקלעמט-איז, איך מוז אבער ווייזן אז זייער ערנסט מען נעמט-עס, יעדער מוז זיך צושטעלן - און נאר אזוי מיר וועלן שיצן דעם עתיד פון אונזער תלמוד תורה."**

...

קוים א שעה שפעטער -
ער גלייבט נישט וואס זעט-ער,
יצחק'ל שטייט דארט ביים טיר-
דער מנהל ווינדערט און
פרעגט אים, 'ביסטו נישט
אהיימגעגאנגען פריער'?

ער שטייט מיט זיין מאנטל -
מיט א צעטל אין האנט'ל,
דאס האב איך פון מיין
מאמע פון איר -
זי האט געהייסן איך זאל
צוריקגיין אין חדר און
דאס ווייזן פאר דיר.

ער הייבט אן צו ליינען -
עס קומט אים צו וויינען,
געפילן שטרוימט ווי א קוואל -
דא שרייבט יצחק'ל
מאמע. לכבוד די מנהל.

חשבונות באקוקט-איר -
מיין קינד אהיים שיקט-איר,
כ'האב נאכנישט
באצאלט דערוויל -
איך פארשטיי, גלייבטס מיר איך
האב נישט קיין טענות בכלל.

איך ווייס אז איך האב
נישט קיין געלט -
אבער וואס האב איך
פון די וועלט
אויב מיין קינד גייט נישט
אין חדר, געוואלד איך
קען דאס נישט צוזען.
איך האב נישט אין
שטוב קיין סאך -
נאר איין ווערדפולע זאך
די קידושין רינגל וואס מיין
מאן האט מיר מקדש געווען.

ס'די איינציגע זאך
נאך פארהאן -
צו געדענקן מיין טייערער מאן
איך גליטש עס אראפ פון
מיין פינגער מיט מיינע
טרערעלעך נאס.
עס ליגט דארטן אין
א באגאזש -
אין זיין מאנטל אין
די רעכטע טאש
ביטע נעמטס עטס און שיקטס
אים צוריק אין זיין קלאס.

**"ווייל ס'איז בעסער צו לערנען די הייליגע תורה, מער, אוי מער, פון אלע זילבער און גאלד. וואס האב איך פון מיין רינגעלע - אויב קען נישט מיין אינגעלע זיצן און לערנען די הייליגע תורה.**

**טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף, וואס האב איך פון מיין רינגעלע - אויב קען נישט מיין אינגעלע זיצן און לערנען די הייליגע תורה."**

(שמעתי מהגה"צ אבד"ק
לימינוב שליט"א)

# 8

# שנשמע

**שנשמע ונתבשר בשורות טובות ישועות ונחמות מארבע כנפות.**
(שחרית ב׳ וה׳)

טאטע אין הימל מען זאל שוין הערן גוטע בשורות
בשורות טובות ישועות ונחמות אין אידישע דירות.
טאטע אין הימל מען זאל שוין זעהן אז דיין חסד איז גרויס
בשורות טובות ישועות ונחמות מארבע כנפות.

# 9
# על לבבך

**והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך** (דברים ו, ו)
לייג מיין תורה אויף דיין הארץ ארויף
עס זאל ארייַנפאלן ווען דיין הארץ מאכט זיך אויף.
לייג מיין תורה אויף דיין הארץ ארויף
עס וועט ארייַנפאלן ווען דיין הארץ מאכט זיך אויף.

(למה כתוב על לבבך ולא בלבבך? שיהיו מונחים תדיר על הלב, כך שבבוא רגע
של כושר וייפתח הלב, יוכלו לחדור מיד לתוכו." (ר' מענדל מקוצק זצ"ל)

# 10 קעלט

א שווערע פראסט,
קיין אייז צולאזט,
אין סיביר, די קעלטסטע
פלאץ אויף דער ערד.

פארטריבן דארט,
א נייע טראנספארט
א אידישע גרופע פארפרוירן
דארט מען ווערט.

קוים זיך רירן,
די אברים פרירן,
שוואך און קראנק
א ביטערן צושטאנד

בגדים דינע,
א מיתה משונה,
יעדע שעה שטארבט
נאך אן ארעסטאנט.

א גאון אן אלטער,
א שוואכער א קאלטער,
מיט ציטער האלט-ער,
א בבא בתרא אין זיין האנט.

ער שרייט חי וקיים,
הכל בידי שמים,
אלעס איז בלויז אינעם בורא
געווענדט

חוץ מצנים,
דאס ווענדט זיך נישט
אין-אים,
זיך שיצן פון קעלט ליגט אין
דעם מענטש'ס הענט.

ער שרייט און וויינט,
די גמרא וואס מיינט,
צו דען גייט אויך אן דעם
כלל דא אין דעי ליידן.

קיין פייער קיין היצן,
בגדים זיך צו שיצן,
א פראסט וואס טוט שטיקער
מענטשן שניידן.

אזעלכע קעלט,
באשעפער פון די וועלט,
איז בידי שמים, נאר דו
קענסט דאס פארמיידן.

**„באשעפער איך קען נישט**
**ס'איז מער ווי גדר אנוש**
**אין די גאנצע וועלט איז דא**
**די כלל פון פריער**
**אבער נישט דא אין סיביר...**

**ס'איז אומדערטערעגליך**
**זיך שיצן אוממעגליך,**
**ס'איז בידי שמים, עס**
**ווענדט זיך נאר אין דיר**
**ווייל דא איז סיביר...“**

דורי דורות,
לעכטיגע אורות,
האבן מיר כלל ישראל
פארמאגט

צדיקים און פירער,
אויפהייצן דעם פרירער,
אזש אפילו אינמיטן נאכט
האט געטאגט.

געשיינט און געברענט,
אוי אין אונזערע הענט,
האבן מיר די ברירה געהאט

ווערן נענטער צו גאט,
אבער היינט מען האט,
א נייע עפאכע,
אן אנדערע צייט

די קעלט טוט מיטשען,
אזויפיל גליטשען,
אויף די אייז וואס שטיקער
נפשות עס שניידט.

וויפיל ימ'ין טרערן,
פון מענטשן וואס הערן,
דעם דאקטאר'ס באריכט מיט
זיין קאלטן פנים

וויפיל פרנסות פרירן,
וויפיל טוען שפירן,
א קאלטקייט און בעטן והשיב
לב אבות על בנים.

ס'הערשט א קעלט אין גאס,
מיר ברעכן אייז,
צו טרעפן די מים קרים
על נפש עייפה

א שניידענדער דין,
נישטא קיין זון,
די ווינטער איז צו לאנג און
אזא שטייפע

אזעלכע קעלט, באשעפער
פון די וועלט,
איז בידי שמים, ראטעווע די
מגיפה.

**"באשעפער איך קען נישט**
**ס'איז מער ווי גדר אנוש**
**ס'איז נישט אין אונזערע**
**הענט ווען אזא קרירות**
**אזוי ווי אין סיביר-איז....**

**ס'איז שוין די תשע'ס**
**אור חדש באניי-אונז**
**ס'איז בידי שמים, עס**
**ווענדט זיך נאר אין דיר**
**ווייל דא איז סיביר..."**

הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים:
(ב"ב קמד עב. ב"מ קז ב. כתובות ל
א. ע"ז ג ב)

(מקור הסיפור: המגיד הירושלמי,
הרב שלום שוואדראן ז"ל)

This Album was produced at "Schnitzler Studios"

**BE YOUR OWN STAR!**

Available for private & public recording sessions.

**BOOK YOUR MUSICAL EXPERIENCE TODAY!**

call: **718.304.0941** or email: **team@schnitzlerstudios.com**


PROJECT מחשבות